בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִּישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון ט'

פרשת אחרי - קדושים תשפ"ג

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה שְׁנַת תשפ"ג קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א

**מִיר זֶעצְן פָאר בְּעֶזְר ה' דֶעם דְרִיטְן אוּן לֶעצְטְן חֵלֶק פוּנֶעם שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי מְחַנְּכִים אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א, דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן.**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דֶעם גֶעדַאנְק, אַז 'אִיךְ דְרֵיי נִישְׁט קַיין אַייזְן אוּמְזִיסְט, נָאר מֶען לֵייגְט אַרַיין וֵוייץ אוּן עֶס קוּמְט אַרוֹיס פֵיינֶע מֶעל', - דָאס הֵייסְט, דֶער מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין וֵוייסְן דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן זֵייעֶר אַרְבֶּעט: 'אִיךְ לֶערְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִיךְ גְרֵייט אָן אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן לֶעבְּן מִיט דִי תּוֹרָה וֶועג, זֵיי זָאלְן לֶעבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס וֶועג', - הָאט מֶען כֹּחַ צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאר לַאנְגֶע יָארְן.

### גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער

מִיר קוֹיפְן שוֹין נָאךְ בִּנְיָנִים פַאר דִי מוֹסְדוֹת; מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף הָאבְּן מִיר נֶעכְטְן אָפְּגֶעקוֹיפְט אַ גְרוֹיסֶער בִּנְיָן פַאר דִי חֵדֶר, מֶען לֵייגְט דָאס אַוֶועק אוֹיף דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָארְן הבעל"ט, כְּדֵי מֶען זָאל הָאבְּן וואוּ צוּ פְּלַאצִירְן דִי אִינְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ, דִי עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין אָפְּגֶעטֵיילְט פוּן דִי יוּנְגֶערֶע, וֶועלְן דִי נֵייֶע מְחַנְּכִים זִיךְ קוּמֶען דוּרְכְרֶעדְן מִיט עֶנְק, זָאלְט עֶטְס זֵיי אִיבֶּער גֶעבְּן וָואס מֶען הָאט דָא גֶעלֶערְנְט אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, דִי וֶועג פוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר קִינְדֶער, אַז מִיט אַפָּאר גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאלְן אַוֶועק אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

אַז מֶען זָאגְט פַאר אַ תַּלְמִידָה: **"בִּיסְט גוּט"**, **"בִּיסְט וואוֹיל"**, אֲפִילוּ דָאס קִינְד קוּמְט נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעטוּן בִּצְנִיעוּת אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף, אָבֶּער אַז זִי הֶערְט אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: **"בִּיסְט גוּט, בִּיסְט וואוֹיל"**, **"בִּיסְט גוּט, בִּיסְט וואוֹיל"**, וֶועט זִי אָנְהֵייבְּן צוּ גֵיין מֶער אוּן מֶער בִּצְנִיעוּת.

וִוידֶער אַז מֶען זָאגְט פַאר אַ קִינְד: **"בִּיסְט אַ בָּאם"**, **בִּיסְט אַן אוֹיסְוָוארְף"**, וֶועט עֶס גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, נָאר פַארְקֶערְט זִי וֶועט גֵיין מַטָּה מַטָּה הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וָואס הֶעלְפְט אַז אַ קִינְד זָאל זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן אִיז מִיט גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער: **"בִּיסְט אַ גוּט קִינְד"**, **"בִּיסְט אַ נְשָׁמָה"**, **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ"**, **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיךְ"**, וֶוען אַ קִינְד הֶערְט אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע וַוארֶעמֶע וֶוערְטֶער הֵייבְּט זִי אָן צוּ טְרַאכְטְן: 'אַז אִיךְ בִּין אַזוֹי חָשׁוּב, וֶועל אִיךְ זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן!' דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט אִינְגְלֶעךְ, מִיט גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער, וֶועט עֶר פְּרוּבִּירְן זִיךְ צוּ פַארְבֶּעסֶערְן.

### רֶעדְן זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה

אַסַאךְ מָאל פַּאסִירְט אַז אַ קִינְד הָאט עֶרְגֶעץ וואוּ גֶעהֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן גֵיהִינוֹם, אוּן דִי מַעֲשֶׂה אִיז אִים גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֶעקְן אִין קָאפּ, עֶר דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם מִיט שְׁרֶעק זַייעֶנְדִיג זִיכֶער אַז עֶר גֵייט בְּרֶענֶען אִין גֵיהִינוֹם, וֶועגְן דֶעם אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס צוּ רֶעדְן זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן 'אֱמוּנָה', כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט דַארְפְן טְרָאגְן אַלֶע קִינְדֶער צוּ טֶערֶעפִּי...

מֶען קֶען שוֹין בַּאלְד נִישְׁט נָאכְגֵיין וואוּ דִי וֶועלְט הַאלְט מִיט טֶערֶעפִּי, מֶען דַארְף שוֹין הַיינְט נֶעמֶען שְׁטִילֶערְהֵייט כִּמְעַט יֶעדֶעס קִינְד צוּ טֶערֶעפִּי, אֵיינֶער זָאל רֶעדְן צוּ אִים וְכוּ', וַוייל יֶעדֶעס קִינְד הָאט עֶפֶּעס אַן אַנְדֶערֶע פַּחַד, אֵיינֶער הָאט מוֹרָא פוּן בֶּערְן, אֵיינֶער פוּן שְׁנֵיי, אֵיינֶער פוּן בְּלִיצְן, אֵיינֶער פוּן דִינֶערְן אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, וִוילַאנְג מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פוּן רֶבִּי'ן, מֶען לֶעבְּט נִישְׁט מִיט אֱמוּנָה אִיז מֶען פוּל מִיט שְׁרֶעק, אָבֶּער אַז דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס וֶועלְן גִיסְן אֱמוּנָה וֶועט מֶען נִישְׁט דַארְפְן גָארְנִישְׁט.

מֶען נֶעמְט הַיינְט יֶעדֶער צְוֵוייטֶער בָּחוּר אוֹיף טֶערֶעפִּי, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס דֶעם מֶעטָאד אוּן דֶעם מֶעטָאד, יֶעדֶער בַּאקוּמְט אַן אַנְדֶערֶע ע"י בּ"י ס"י פוּן וָואס עֶר לַיידְט, אָבֶּער אַז מֶען וֵוייסְט פוּן רֶבִּי'ן וָואס לֶערְנְט אוֹיס אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייעֶן אַלֶע פְּחָדִים אַוֶועק.

### מַיין רֶבִּי טְרַאכְט פוּן מִיר

פְרִיעֶר נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען אִיז גֶעוֶוען אַ לְחַיִּים לְכָבוֹד דֶער בַּר מִצְוָה פוּן אַ תַּלְמִיד פוּן חֵדֶר, עֶטְלִיכֶע מְלַמְּדִים זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען, הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטִיקְל קֶעיק פוּנֶעם לְחַיִּים, פַאר דִי אַנְדֶערֶע מְלַמְּדִים וָואס זֶענֶען נִישְׁט דָארְט גֶעוֶוען, הָאבּ אִיךְ אַרוֹיפְגֶעשִׁיקְט קֶעיק צוּ זֵיי אִין כִּתָּה. עֶס הָאט זֵייעֶר גֶעשְׁמֶעקְט פַאר דִי מְלַמְּדִים אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שִׁיקְט זֵיי אַרוֹיף אַ שְׁטִיקְל קֶעיק. אֵיי, וָואס הָאבּ אִיךְ דֶען גֶעגֶעבְּן, אַ שְׁטִיקְל קֶעיק, הָאבְּן זֵיי נִישְׁט קַיין קֶעיק אִינְדֶערְהֵיים? וָואס וֶוערְט מֶען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ פוּן אַ שְׁטִיקְל קֶעיק?!

פארזעצונג אין עמוד ב' >>>

>>> פארזעצונג פון עמוד א'

נָאר דִי הֲנָאָה אִיז דָאס גֶעפִּיל וָואס מֶען שְׁפִּירְט אִין הָארְץ: **'מַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה טְרַאכְט פוּן מִיר!'** אִיךְ הָאבּ עֶס סְפֶּעצִיעֶל גֶעטוּן, כְּדֵי דִי מְלַמְּדִים זָאלְן אַבִּיסְל שְׁפִּירְן דָאס וָואס אַ קִינְד פִּילְט וֶוען זַיין מְלַמֵּד גִיבְּט אִים עֶפֶּעס, פַאר אַ קִינְד אִיז עֶס גָאר גֶעשְׁמַאק וֶוען עֶר שְׁפִּירְט אוּן זֶעט אַז זַיין רֶבִּי טְרַאכְט פוּן אִים.

מֶען קֶען אָבֶּער נִישְׁט חוֹזֵק מַאכְן פוּן קִינְדֶער, לְמָשָׁל, מֶען קֶען נִישְׁט גֶעבְּן פַאר וֶוער עֶס דַאוֶוענְט שֵׁיין אַ פְּלֶעסְטִיק קָאפּ... דָאס טָאר מֶען נִישְׁט טוּן, מֶען קֶען נִישְׁט מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן דִי קִינְדֶער, אָבֶּער מֶען קֶען זֵיי גֶעבְּן קְלֵיינִיקֵייטְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַ פֶּעדֶער, אַ בְּלַיי, אַ מֶעקֶער, אַ פְלֶעשׁ לֵייט אוּן דָאס גְלַייכְן.

דֶער מְנַהֵל הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז אֵיינֶער פוּן דִי בָּחוּרִים הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"וֶוער עֶס גֵייט בֶּעטְן פַאר אִים 'צֶען טוֹיזְנְט תְּפִילּוֹת' אַז עֶר זָאל אַ חָתָן וֶוערְן, וֶועט בַּאקוּמֶען צֶען דָאלֶער"**, דָאס קֶען מֶען נִישְׁט טוּן, מֶען מַאכְט נִישְׁט קֵיין בִּיזְנֶעס מִיט קִינְדֶער, אַז עֶר וִויל קֶען עֶר זֵיי גֶעבְּן עֶפֶּעס אַ קְלֵיינִיקֵייט.

יָארְן צוּרִיק אִיז אֵיינֶער פוּן דִי מְלַמְּדִים אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַ גוּטֶע הַמְצָאָה, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ כִּתָּה פוּן פִינְף קִינְדֶער, הָאט עֶר יֶעדְן פְרֵייטָאג אַהֵיים גֶעשִׁיקְט אֵיין אִינְגְל מִיט אַ בָּאטְל גְרֶעפְּ דְזְשוּס אָרוֹיפְגֶעקְלֵייבְט דֶערוֹיף אַ סְטִיקֶער מִיטְ'ן אוֹיפְשְׁרִיפְט: **"דֶער בֶּעסְטֶער אִינְגְל!"**

הַיינְט אַז מִיר הָאבְּן צְוָואנְצִיג קִינְדֶער אִין אַ כִּתָּה אִיז שׁוֹין נִישְׁט גֶענוּג אֵיין בָּאטְל פַאר אַ כִּתָּה, קֶען מֶען נֶעמֶען צְוַויי בָּאטְלֶעךְ, אֵיין טוּנְקֶעלֶע בָּאטְל פַאר דִי שַׁבָּת בַּיינַאכְט סְעוּדָה, אוּן אֵיין לִיכְטִיגֶע בָּאטְל פַאר דִי שַׁבָּת צוּפְרִי סְעוּדָה, אַזוֹי וֶועט עֶס גֵיין שְׁנֶעלֶער אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן קֶענֶען גֶעווִוינֶען. דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע הַמְצָאָה, ווַייל אַזוֹי נֶעמְט מֶען אַרַיין דֶעם קִינְד מִיט זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, עֶר זָאל זִיךְ וֶועלְן אוֹיפְפִירְן גוּט. מֶען קֶען אוֹיפְקוּמֶען מִיט נָאךְ אַזֶעלְכֶע עֶנְלִיכֶע הַמְצָאוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶטְס זָאלְט הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה.

## חִיזּוּק פַאר דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### אוֹיפְבּוֹיעֶן שֵׁיינֶע שְׁטִיבֶּער

**טֵייעֶרֶע מִשְׁפָּחוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ**, וָואס זֶענֶען אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ. מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּ אַזַא הֵיילִיגֶער רֶבִּי, מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּ אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ. לָאמִיר אוֹיפְבּוֹיעֶן שֵׁיינֶע שְׁטִיבֶּער, דִי קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן אַ גוּטֶע חִינוּךְ, דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן פְרֵיילִיךְ, דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן זִיכֶער.

### ווִי אַזוֹי צוּ פּוֹעֶל'ן?

אַז מֶען וִויל עֶפֶּעס פּוֹעֶל'ן בַּיי אַ קִינְד, דַארְף מֶען עֶס פּוֹעֶל'ן אוֹיף דִי גוּטֶע וֶועג, נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע וֶועג. פוּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף קִינְדֶער: **"דוּ וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן"**, **"ווִי אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן?"** גֵייט אַרַיין אַ פַּחַד אִינֶעם קִינְד, נָאכְדֶעם וֶוען דָאס קִינְד וֶועט שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, וֶועט דָאס אִיר נָאכְלוֹיפְן ווַייטֶער, זִי וֶועט אַלֶץ טְרַאכְטְן: **'אִיךְ קֶען נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן', 'אִיךְ דַארְף זוֹכְן הֶעלְפְּ'**, בִּיז זִי וֶועט טְרֶעפְן אַן אַלְטֶע פוּפְצִיג יֶערִיגֶע מֵיידְל מִיט גְרוֹיעֶ הָאר, וָואס וֶועט אִיר אוֹיסְלֶערְנֶען ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף פִירְן אַ שְׁטוּבּ...

### אַ זִיכֶערֶע לֶעבְּן

הַיינְטִיגֶע צֵייטְן זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ פְרוֹיעֶן וָואס שְׁפִּירְן בַּיי זִיךְ אַ שׁוּלְד גֶעפִּיל אַז זֵיי קֶענֶען נִישְׁט זַיין קֵיין מַאמֶע, פַארְוָואס קֶען זִי נִישְׁט זַיין אַ מַאמֶע? ווַייל זִי הָאט גֶעהֶערְט צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט מָאל פוּן אִיר מַאמֶע: **"דוּ קֶענְסְט נִישְׁט"**, **"דוּ קֶענְסְט נִישְׁט"**, **"דוּ קֶענְסְט נִישְׁט"**, דָאס לוֹיפְט אִיר נָאךְ, אִיר מַאמֶע הָאט אַרַיין גֶעלֵייגְט אִינֶעם רֶעסֶעפְּטָ צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט קָאפִּ'ס אוּמְזִיכֶערְקֵייט, דֶערְפַאר לוֹיפְט מֶען נָאכְדֶעם צוּ דִי קְלַאסְן וָואו עֶלְטֶערֶע מֵיידְלֶעךְ פוּן פוּפְצִיג יָאר לֶערְנֶען אוֹיס, בְּשַׁעַת זִי אַלֵיינְס ווֵייסְט נִישְׁט פוּן אִיר לֶעבְּן צוּ זָאגְן, זִי הָאט שְׁטוּדִירְט אִין קָאלֶעדְזְשׁ דִי גוֹי'אִישֶׁע לֶעבְּן, אוּן זִי גֵייט מִיר נָאךְ זָאגְן ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ מַיין מַאן אוּן ווִי אַזוֹי אִיךְ זָאל מְסַדֵּר זַיין דִי הוֹיז. דָאס אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר בִּיטֶער!

פוּן וָואס גֶעשֶׁעט דָאס? פוּן דֶעם וָואס מֶען הֶערְט אַזוֹיפִיל מָאל: **"דוּ קֶענְסְט נִישְׁט"**, הֵייבְּט מֶען אָן צוּ טְרַאכְטְן: **'אִיךְ מוּז עֶפֶּעס טוּן אַז אִיךְ זָאל יָא קֶענֶען זַיין אַ מַאמֶע'**, נָאר צוּלִיבּ דֶעם וַואקְסְן פְרוֹיעֶן אוֹיף אָן קֵיין זִיכֶערְקֵייט, אוּן זֵיי ווֵייסְן גָארְנִישְׁט אַלֵיינְס וָואס צוּ טוּן.

לָאמִיר זֶען אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין יָא זִיכֶער, מִיר גֵייעֶן גֶעבְּן פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אַ זִיכֶערֶע לֶעבְּן.

### טַאטֶע מַאמֶע אוֹיף אֵיין גַאנְג

קִינְדֶער דַארְפְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ, וָואו טַאטֶע מַאמֶע רֶעדְן שֵׁיין אֵיינֶעם צוּם צְוֵוייטְן. אוֹיבּ אִיז דָא עֶפֶּעס וָואס מֶען דַארְף זִיךְ דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן קֶען מֶען אַרוֹיס גֵיין פוּן שְׁטוּבּ, כַּאפְּן אַ שְׁפַּאצִיר אוּן עֶס דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן, אָבֶּער אִין פָארְנְט פוּן דִי קִינְדֶער מוּזְן טַאטֶע מַאמֶע זַיין אוֹיף אֵיין גַאנְג, דֶער טַאטֶע דַארְף זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: **"מֶען דַארְף פָאלְגְן מַאמִי"**, אוּן דִי מַאמֶע דַארְף זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: **"מֶען דַארְף פָאלְגְן טַאטִי"**.

אַז טַאטֶע מַאמֶע זָאגְן אַנְדֶערְשׁ וֶוערְן דִי קִינְדֶער צֶעמִישְׁט, דִי קִינְדֶער וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן, נָאכְדֶעם קֶענֶען זֵיי זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן אִין לֶעבְּן.

(גֶענוּמֶען פוּן אַ שִׁיעוּר חִיזּוּק יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח תשפ"א)

# חִיזוּק פַאר מְלַמְּדִים

אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּנֶעם 'דַף שִׁיעוּר' פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**הַעַרְלִיכֶע חִיזּוּק וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶערֶעדְט פַאר מְלַמְּדִים נָאכְ'ן פַארְלֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְּמָרָא.**

אַ מְלַמֵּד דַארְף וויסן זיין חֲשִׁיבוּת, אַז עֶר אִיז דֶער מַנְהִיג פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל!

**דִי תַּלְמִידִים וֶועלְן אַלֶעס דֶערְצֵיילְן**

אַ מְלַמֵּד מֵיינְט אַז עֶר אִיז אִין אַ צוּגֶעמַאכְטֶע קְלַאס מִיט אַפָּאר קִינְדֶער אוּן קֵיינֶער ווייסט נִישְׁט וָואס עֶר טוּט מִיט זֵיי, עֶר דַארְף אָבֶּער וויסן, אַז אוֹיבּ טוּט עֶר זַיין אַרְבֶּעט בִּשְׁלֵמוּת גֵּייעֶן אַרוֹיסְקוּמֶען חֲשׁוּבֶ'ע תַּלְמִידִים וָואס וֶועלְן דֶערְצֵיילְן וָואס עֶר הָאט אַלְ'ץ אַרֵיין גֶעלֵייגְט אִין דִי קִינְדֶער מִיט ווַארֶעמְקֵייט אוּן אִיבֶּער גֶעגֶעבְּנְקֵייט, אוּן אוֹיבּ טוּט עֶר נִישְׁט וָואס עֶר דַארְף, קֶען זַיין אַז אִין אַפָּאר יָאר אַרוּם וֶועט עֶר זַיין אִין דִי נַייעֶס, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט גֵּייט וויסן פוּן אִים, אֵיינֶער פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים וֶועט אַרוֹיפְקוּמֶען דֶערְצֵיילְן ווִי זַיין רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט ווִי אַ חַיָּה רָעָה, דֶעמָאלְט וֶועט זַיין בִּיזוּי בִּזְיוֹנוֹת.

**וָואס הָאסְטוּ אוֹיפְגֶעטוּן?**

אַ מְלַמֵּד דַארְף וויסן זַיין עִיקַר אַרְבֶּעט אִיז נִישְׁט צוּ מַאכְן לֶערְנֶען דִי גוּטֶע קִינְדֶער, דִי פָּאר גוּטֶע קִינְדֶער קֶענֶען לֶערְנֶען אוֹיךְ אָן דִיר, זַיין אַרְבֶּעט אִיז פְּרוּבִּירְן צוּ מַאכְן לֶערְנֶען דִי קִינְדֶער וָואס קֶענֶען נִישְׁט קֵיין לֶערְנֶען. מְלַמְּדִים כַּאפְּן דָאס נִישְׁט, זֵיי רוּפְן סוֹף וָואךְ דֶער מְנַהֵל זָאל פַארְהֶערְן אוּן זֵיי ווַייזְן אִים: "קוּק ווִי גוּט דִי צְוַויי קִינְדֶער קֶענֶען", זֵיי כַּאפְּן נִישְׁט אַז דִי צְוַויי קִינְדֶער דַארְפְן דִיךְ בִּכְלָל נִישְׁט הָאבְּן, דֶער מְנַהֵל ווִיל זֶען וָואס הָאסְטוּ אוֹיפְגֶעטוּן מִיט דִי קִינְדֶער וָואס קֶענֶען נִישְׁט קֵיין לֶערְנֶען.

וֶוען דֶער מְנַהֵל פַארְהֶערְט זוּכְט עֶר נִישְׁט צוּ פַארְהֶערְן דִי מְצוּיָינִים, זֵיי קֶענֶען שׁוֹין דִי חוּמָשׁ פוּן כִּתָּה ב', זֵיי דַארְפְן דִיךְ בִּכְלָל נִישְׁט הָאבְּן, לָאמִיר זֶען וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן אַ גַאנְצֶע וָואךְ, וָואס הָאסְטוּ אוֹיפְגֶעטוּן מִיט דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן גַארְנִישְׁט אוֹיפְגֶעכַאפְּט פַארְיָאר?!

**אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דֶעם שְׁמוּעֶס: בָּרוּךְ ה' אַז מִיר הָאבְּן ווַאוּילֶע מְלַמְּדִים וָואס טוּעֶן זֵייעֶר אַרְבֶּעט בִּשְׁלֵמוּת, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן אַ שְׁטֶרֶענְגֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס שְׁטֵייט אוּן דֶערְמָאנְט יֶעדְן טָאג ווִי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט דִי קִינְדֶער, אַזוֹי גֵייט מֶען אַרַיין אִין כִּתָּה מִיט כֹּחַ אוּן חֵשֶׁק מִיטְ'ן צִיל 'אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער'.

**ווֵייךְ אוּן בַּייגֶעדִיג**

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּעֲנִית כ:): אַ מֶענְטְשׁ זָאל אַייבִּיג זַיין ווֵייךְ אַזוֹי ווִי בֶּעמְבָּא, נִישְׁט הַארְט ווִי אַ טֶענֶען הָאלְץ, ווַייל צוּלִיבּ וָואס דִי בֶּעמְבָּא אִיז ווֵייךְ הָאט זִי זוֹכֶה גֶעוֶוען מֶען זָאל מַאכְן פוּן אִיר אַ פֶּעדֶער צוּ שְׁרַייבְּן סִפְרֵי תּוֹרָה, תְּפִילִין אוּן מְזוּזוֹת.

דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע יְסוֹד אִין לֶעבְּן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין ווֵייךְ, זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, עֶנְדֶערְשׁ וֶועל אִיךְ זִיךְ אַיינְבֵּייגְן אוּן אוֹיסְוַוארְטְן בִּיז דִי קוֹלוֹת וֶועלְן אַרִיבֶּער גֵּיין דֶערְנָאךְ וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אַז מֶען שְׁרֵייט צוּרִיק אִיז נִישְׁט גוּט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז אִיר זֶענְט מְלַמְּדִים, זָאלְט אִיר דָאס גֶעדֶענְקְן, וֶוען מֶען גֵּייט אַרַיין אִין כִּתָּה דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ זַיין אַזוֹי ווִי דִי בֶּעמְבָּא, ווֵייךְ אוּן בַּייגֶעדִיג צוּ דִי קִינְדֶער, נִישְׁט הַארְט אַזוֹי ווִי דֶער טֶענֶען בּוֹים.

## קוֹמֶענְדִיגֶע וָואךְ

אִין דִי בְּרִיוו אָפְּטֵיילוּנְג

- זָאל מֶען נֶעמֶען קִינְדֶער אִין מִקְוֶה אוּם עֶרֶב שַׁבָּת?
- ווִי אַזוֹי ווֶער אִיךְ נָאנְט מִיט מַיין זוּן, וֶועמֶען אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעשְׁלָאגְן אוּן פַארְשֶׁעמְט?

## חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
**אויף קול ברסלב**
**דרוקט: 1-2-4-2**
**- שמעו ותחי נפשכם -**

## הַמְשֵׁךְ בְּרִיוון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

<<< פארזעצונג פון לעצטע עמוד

קִינְדֶער. אִיךְ וֶועל דִיר עֶנְטְפֶערְן מַמָּשׁ בְּקִיצּוּר, אוֹיפְ'ן שְׁפִּיץ גָּאפְל.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם פְּרִינְצִיפּ אַז 'אַ וָוארְט פוּן טַאטֶע מַאמֶע אִיז אַ וָוארְט'; אַז מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער 'נֵיין' אִיז 'נֵיין'. מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן אוֹיבּ דִי קִינְדֶער ווִילְן דָאס נִישְׁט אָנְנֶעמֶען אוּן הֵייבְּן אָן ווֵיינֶען, בְּלָאזְן אוּן פַארְפִירְן וְכוּ'; דֶער נַאטוּר פוּן קִינְדֶער אִיז אַז זֵיי פְּרוּבִּירְן אוֹיסְצוּפִירְן, בִּיז וֶוען זֵיי זֶעעֶן אֵיין אַז דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען שְׁטַארְק מִיט זֵייעֶרְס אַ וָוארְט, דֶעמָאלְט גֶעבְּן זֵיי זִיךְ אוּנְטֶער אוּן וַואקְסְן אוֹיף גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.

דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז וֶוען מֶען זָאגְט עֶפֶּעס אוּן מֶען פָּאלְגְט נִישְׁט מֶעג מֶען שְׁלָאגְן, חַס וְשָׁלוֹם צוּ שְׁלָאגְן קִינְדֶער. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן קֵיין קִינְדֶער; פֶּעטְשׁ אִיז נִישְׁט דֶער וֶועג מְחַנֵּךְ צוּ זַיין קִינְדֶער. וֶוען מֶען שְׁלָאגְט אַ קִינְד אִיז דָאס אוֹיסְצוּגֶעבְּן דִי נֶערְוון, מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן קֵיין קִינְדֶער; נִישְׁט נָאר עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן, עֶס וֶועט נָאר מַאכְן אַסַאךְ עֶרְגֶער וְכוּ'.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט ווִי אַזוֹי מֶען קֶען מַאכְן אַז אַ וָוארְט זָאל זַיין אַ וָוארְט; דָאס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי עֶלְטֶערְן, צִי זֵיי אַלֵיינְס זֶענֶען שְׁטַארְק מִיט דֶעם וָואס זֵיי זָאגְן. אַז דִי עֶלְטֶערְן אַלֵיינְס זֶענֶען מְסוּפָּק, אָדֶער אַז עֶס זֶענֶען דָא חִלּוּקֵי דֵּעוֹת צְווִישְׁן טַאטֶע מַאמֶע - דֶעמָאלְט קֶען מֶען נִישְׁט פַארְלַאנְגֶען פוּן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן פָּאלְגְן; וֶוען קִינְדֶער שְׁפִּירְן ווִי דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען שְׁטַארְק מִיט זֵייעֶר מֵיינוּנְג וֶועלְן זֵיי פָּאלְגְן אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט גְרוֹיס דֶּרֶךְ אֶרֶץ.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן? מִיט אַלֶע עֵצוֹת אוּן מִיט אַלֶע חָכְמוֹת דַארְף מֶען אַסַאךְ ווֵיינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד וָואס הָאט זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער, וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "ווִי אַזוֹי הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן?" פְלֶעגְט עֶר עֶנְטְפֶערְן: "וָואס מֵיינְט אִיר, אִיךְ הָאבּ זֵיי אַרָאפְּגֶערִיסְן פוּן בּוֹים?! אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ טְרֶערְן פַארְגָאסְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת פוּן זֵיי; אִיךְ פְלֶעג ווֵיינֶען יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

(עצתו אמונה חלק ה', מכתב תנא)

## וָואס טוּ אִיךְ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער וָואס הַאלְטְן נִישְׁט בַּיים אַיינְזִיצְן בַּיים שַׁבָּת טִישׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם זוּמֶער אוּן דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן אִין אַלֶע הִינְזִיכְטְן, וִוי אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סֶדְרָה אוּן אִיךְ זָאג יֶעדְן טָאג דְרֵיי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת; אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ מַמָּשׁ וִוי אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַלְץ אַז מֶען זָאל דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פַאר דִי קִינְדֶער בַּיים שַׁבָּת טִישׁ, אִיךְ פְּרוּבִּיר דִי לֶעצְטֶע פָאר וָואכְן צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת בַּיים טִישׁ, אָבֶער מַיינֶע קִינְדֶער הֶערְן מִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיס, זֵיי קְרִיגְן זִיךְ אַרוּם דוּרְכְאוֹיס דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה, אִיז דָא עֶפֶּעס אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֵיין נִישְׁט אַז נָאר דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען וִוילְד אוּן שְׁפְּרִינְגֶעדִיג וְכוּ', דָאס אִיז דִי גֶעזוּנְטֶע נַאטוּר פוּן קִינְדֶער; גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער שְׁפְּרִינְגֶען אוּן קְרִיגְן זִיךְ בַּיים שַׁבָּת טִישׁ אוּן דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי עֶלְטֶערְן אִיז צוּ פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע חָכְמוֹת צוּ מַאכְן אַז דִי סְעוּדָה זָאל זַיין אִינְטֶערֶעסַאנְט.

וֶוען מֶען הָאט עֶלְטֶערֶע אוּן יוּנְגֶערֶע קִינְדֶער אִינְדֶערְהֵיים דַארְף מֶען מַאכְן דִי סְעוּדָה אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר בֵּיידֶע. מֶען קֶען נִישְׁט פַארְלַאנְגֶען פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער צוּ זִיצְן בַּיים טִישׁ בְּמֶשֶׁךְ דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה, דֶערִיבֶּער אִיז גוּט אַז אָנְהוֹיבּ סְעוּדָה זָאל מֶען מֶער רֶעדְן צוּ דִי קְלֵיינְטְשִׁיגֶע קִינְדֶער, וִוילַאנְג זֵיי הַאלְטְן נָאךְ מִיט דִי סְעוּדָה, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער גֵייעֶן זִיךְ שְׁפִּילְן - זָאל מֶען מֶער פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי עֶלְטֶערֶע; מֶען גֵייט אִיבֶּער דִי פַּרְשָׁה, מֶען פְרֶעגְט יֶעדְן קִינְד אַ שְׁאֵלָה אוּן מֶען פַארְבְּרֵייטֶערְט דֶעם תֵּירוּץ מִיט אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מִדְרָשִׁים וְכוּ'.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מִיט אַלֶע חָכְמוֹת אוּן עֵצוֹת דַארְף מֶען מַאכְן אַסַאךְ תְּפִילּוֹת יֶעדֶע וָואךְ פַאר שַׁבָּת קוּמְט צוּ גֵיין אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער. וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע צִיטֶערְט זֵייעֶר פוּנֶעם שַׁבָּת, עֶר וֵוייסְט אַז שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס דֶער אִיד קְלֶעבְּט זִיךְ צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן שַׁבָּת בּוֹיט דֶער אִיד זַיין שְׁטוּבּ, זַיין וַוייבּ אוּן זַיינֶע קִינְדֶער, דֶערְפַאר מַאכְט עֶר עֶס זָאל זַיין מַחֲלֹקֶת אוּן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט, אַבִּי דֶער שַׁבָּת זָאל זַיין צֶעשְׁטֶערְט. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט אִין סֵפֶר עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ (מוֹרֶה בְּאֶצְבַּע סִימָן ד, אוֹת קמ) אַז עֶרֶב שַׁבָּת קוּמְט דֶער שָׂטָן אִין יֶעדֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ אוּן מַאכְט עֶס זָאל אוֹיסְבְּרֶעכְן אַ מַחְלוֹקָה צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ; עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ פַארְטְרָאגְן זִיךְ, בְּעִיקָר אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וַוייל וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ פַארְטְרָאגְן זִיךְ אוּן לֶעבְן צוּזַאמֶען בְּאַהֲבָה וְשָׁלוֹם דֶעמָאלְט הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׁלִיטָה אוֹיף זֵיי, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת מְרִיבָה, סִימָן סו): "בִּמְקוֹם מְרִיבָה שָׁם הַשָּׂטָן", דָארְט וואוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ דָארְט אִיז דֶער שָׂטָן; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם אוֹת שָׁלוֹם, סִימָן יח): "הַבְּרָכָה בָּא עַל יְדֵי שָׁלוֹם"; אוֹיבּ מֶען אִיז בְּשָׁלוֹם וֶועט מֶען הָאבְּן בְּרָכוֹת; דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אוּן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט בֵּייזֶערְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס פַּאסִירְט, אַזוֹי אַרוּם וֶועט מֶען נִיצוֹל וֶוערְן פוּנֶעם שָׂטָן אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַ פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען עֶס זָאל הֶערְשְׁן אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ; אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועלְן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אַוֶועק פַאלְן. קִינְדֶער וַוארְטְן אַ גַאנְצֶע וָואךְ פַאר'ן הֵיילִיגְן שַׁבָּת - אַ צַייט וָואס מֶען פַארְבְּרֶענְגְט מִיט זֵיי מִיט שִׂמְחָה אוּן מְנוּחָה.

גֶעדֶענְק אַז אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם רֹאשׁ הַמִּשְׁפָּחָה; אַז דֶער טַאטֶע אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז אַלֶעס גוּט, אוּן אַז דֶער טַאטֶע אִיז נֶערְוֶועז - דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער. דֶער טַאטֶע דַארְף נִישְׁט מַאכְן אַן עֵסֶק פוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען זֶען אוּן נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען הֶערְן; אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועלְן אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן חֵשֶׁק צוּ זִיצְן נֶעבְן דִיר אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִיר בַּיי דִי סְעוּדָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה חלק ו', מכתב תסא)

## מוּז אַ קִינְד פָאלְגְן בַּיים עֶרְשְׁטְן מָאל הֵייסְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דַארְף מֶען מַאכְן אַן עֵסֶק אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן פָאלְגְן בַּיים עֶרְשְׁטְן מָאל הֵייסְן? אוּן אוֹיבּ יָא, וִוי אַזוֹי טוּט מֶען דָאס?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ז' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר עֶלְטֶערְן וִוי אַזוֹי צוּ מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער אִיז נִישְׁט עֶפֶּעס וָואס מֶען קֶען אַרָאפּ שְׁרַייבְּן אִין אֵיין בְּרִיוו, דָאס אִיז אַן אֲרִיכוּת הַדְּבָרִים. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף דֶעם אַ סֵפֶר: "אוֹצָר חִינּוּךְ הַיְלָדִים"; מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין דֶעם סֵפֶר, דָארְט וֶועסְטוּ זֶען וִוי אַזוֹי מֶען אִיז מְחַנֵּךְ

פארזעצונג אין עמוד ג' <<<

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בר־סלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעקס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876